# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:55
מוצאי יו"ט.....................7:24

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............מלכים-ב' י"ז-י"ח
בבלי......................כתובות ק"ג
ירושלמי.................הוריות ה'
תוספתא..................שבת י"ח
רמב"ם......................שכנים ב'


*שמיני עצרת, שנת תשפ"ג לפ"ק* | *שנה 12, גליון 4 (574)*


# אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה, אֲשֶׁר יְדָעוֹ ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים, עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ אַ נָבִיא צְוִוישְׁן דִי אִידְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאקֶענְט פָּנִים אֶל פָּנִים. וֶוען מִיר עֶנְדִיגְן יֶעצְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, לֶערְנֶען מִיר אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ פָּנִים אֶל פָּנִים; וָואס קֶענֶען אָבֶּער מִיר, פְּשׁוּטֶע אִידְן, זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם אוֹיף אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כ"ה), דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד קֶען נָאר טוּן, אִיז זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ טְרֶעפְן אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס דְרִיקְט אוֹיפְ׳ן הַארְץ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז אַסַאךְ גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִּיקִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, צִי עֶר זָאל זַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אִיז עֶר גָאר הוֹיךְ אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין קֶען מֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט, וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ, אוּן וָואס מֶען ווִיל.

אוֹיף דִי נְקוּדָה בַּאשְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידוּת, גָארְנִישְׁט מֶער אוּן גָארְנִישְׁט וֵוייניגֶער, דֶער רֶבִּי ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרֵיינְד. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, צִי עֶר זִיצְט אִין אַ קַאר אָדֶער אִין אַ טְרָאק, צִי עֶר אִיז אִין אָפִיס אָדֶער אִינְדֶערְהֵיים, וואוּ אִימֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זָאל עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ׳ן הַארְץ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צ"ג): וָואס ווִיל מֶען פוּן מִיר, פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף מִיר? וַוייל אִיךְ ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ - אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו׳:): "כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם, אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם", אוּן רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט: "וּמַאי נִיהוּ, תְּפִלָּה", תְּפִלָּה אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין דֶעם, דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, יֶעדְן אֵיינֶעם לִיגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְ׳ן הַארְץ, אֵיינֶעם דְרִיקְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ נֵייעֶ קַאר, אוּן אַ צְוֵוייטְן טוּט וֵויי אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיינֶע אֵייגְנַארְטִיגֶע זַאכְן וָואס עֶר ווִיל, אוּן אֲפִילוּ בַּיי אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נִישְׁט אַלֶעמָאל דִי זֶעלְבֶּע; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הָאבְּן אָפְן דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וָואס מֶען דַארְף, אוּן דַאן וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אֲשֶׁר יְדָעוֹ ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט, שֶׁהָיָה לִבּוֹ גַּס בּוֹ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר, וּמְדַבֵּר אֵלָיו בְּכָל עֵת שֶׁרוֹצֶה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר נָאר הָאט גֶעוָואלְט, כְּעִנְיַן שֶׁנֶּאֱמַר, וִוי מֶען זֶעט אִין פָּסוּק בַּיים חֵטְא הָעֵגֶל (שְׁמוֹת לב, ל) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט וְעַתָּה אֶעֱלֶה אֶל ה׳, יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַייךְ מוֹחֵל זַיין, אוּן נָאךְ זֶעט מֶען אִין פָּסוּק וִוי מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר ט, ח): עִמְדוּ וְאֶשְׁמְעָה מַה יְצַוֶּה ה׳ לָכֶם, שְׁטֵייט אוּן וַוארְט, אוּן אִיךְ וֶועל הֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ בַּאפֶעלְן, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, אַשְׁרֵי יְלוּד אִשָּׁה שֶׁכָּךְ מֻבְטָח, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁהָיָה רוֹצֶה הָיָה מְדַבֵּר עִם הַשְּׁכִינָה, וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, מִיר דַארְפְן אַסַאךְ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ צוּ אוּנְז פְּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן, אוּן מַאכְט אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען טוּן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן נָאנְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרֵיינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שַׁבַּת חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת לוּלָב, פֶּרֶק ח׳, הֲלָכָה ט"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, עֶר דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער ס׳אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין עֲבוֹדַת ה׳ קֶען בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי דִי תּוֹכָחָה אַז דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן וֶועלְן קוּמֶען וַוייל מ׳הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ"ח, מ"ז), "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב". אוּן וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן ס׳פַּאסְט אִים נִישְׁט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ זִינְדִיגֶער אוּן נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ה, ו׳) "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ", אוּן פַארְקֶערְט, וֶוער ס׳קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין אֵייגְן כָּבוֹד, עֶר טַאנְצְט אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין תּוֹרָה, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אַרוֹיפְקוּקְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל-ב׳ ו׳, כ"ב) "וּנְקַלֹּתִי עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי", וֶוען מ׳הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם הֵיילִיגְן אָרוֹן הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם, ט"ז) "וַתֵּרֶא אֶת הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי ה׳", עֶס


<<<<<<


# א גוט ווארט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ", אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "מוֹדְדִין לוֹ", אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים; אַז מִיר וֶועלְן מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז לִיבּ הָאבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן".

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, לִכְבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, תְּ׳הֵא שְׁנַת פַּ׳ארְ-גִ׳ינֶען, תְּ׳הֵא שְׁנַת פַּ׳ארְ-גֶ׳עבְּן; אַז מִיר וֶועלְן פַארְגֶעבְּן אוּן פַארְגִינֶען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַּ׳ארְ-גִ׳וּטִיגְן אוּן אוּנְז גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, פַּ׳רְנָסָה גְ׳דוֹלָה.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ, אִיךְ בֶּעט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר, אַ פְ׳רֵיילִיכֶע גֶ׳עשְׁמַאקֶע יָאר, אַ יָאר פֻ׳ול מִיט גְ׳לִיק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּלֶךְ תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# ווֶער אִיז גְרֶעסֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

שְׁטַארְק אַייךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אַנְטְלוֹיפְט פוּן פָּאלִיטִיק; פָּאלִיטִיק מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער ווָאס פִירְט דִי ווֶעלְט, עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת; נִישְׁט דִי פַּארְטֵיי אִיז גוּט אוּן נִישְׁט יֶענֶע פַּארְטֵיי אִיז שְׁלֶעכְט, אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר.

בִּכְלַל זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי כְּלַל, ווֶען אִיר הֶערְט רֶעדְן; דֶער פַארְקוֹיפְט דָאס, אַ צְווֵייטֶער פַארְקוֹיפְט יֶענְץ, יֶעדֶער שְׁרֵייט עֶר פַארְקוֹיפְט אֱמֶת; אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס בְּלָאף.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, ווֶען ווֶעט מֶען קֶענֶען לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְגֶען? ווֶען מֶען ווֶעט זֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע הֶעדְלֵיינְס שְׁטֵיין: "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ! מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ!" דֶעמָאלְט ווֶעט אִיר קֶענֶען לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְג, אָבֶער ווִי לַאנְג עֶס שְׁטֵייט אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן אִיז דָאס הֶבֶל הֲבָלִים אוּן נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין הַאנְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; אֵיידֶער אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַפָּאר ווֶערְטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט מִיר מַיינֶע אוֹיגְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים אָן קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק".**

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט צְווֵיי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ קַמְצָן. עֶס אִיז גֶעווֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, ווָאס הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה; עֶר אִיז גֶעווֶען אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן, אַזוֹי רַייךְ ווִי עֶר אִיז גֶעווֶען - אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעווֶען. דִי אָרֶעמֶעלַייט זֶענֶען גֶעווֶען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, זֵיי פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת. ווֶען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים בַּאצָאלְט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, מֶען הָאט אִים מְבַזֶה גֶעווֶען בִּשְׁעַת זַיין לְוָיָ' אוּן בִּשְׁעַת'ן מְקַבֵּר זַיין הָאבְּן דִי אָרֶעמֶעלַייט גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן מֶען זָאל אִים נִישְׁט מְקַבֵּר זַיין ווַייל עֶר אִיז גֶעווֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, ווַייל דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, אוּן דֶער פְּרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר דִי עֲנִיִּים קַיין פְּרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער פְלֵייש גֶעשֶׁעפְט הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵייש פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. ווֶען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְווָאס זֵיי גֶעבְּן מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן, הָאבְּן דִי סוֹחֲרִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר זֵיי גֶעבְּן גֶעלְט, עֶר הָאט זֵיי בַּאשְׁווֶאוִירְן אַז זֵיי טָארְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר גֶעבְּט דִי גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן אוּן הֶיוֹת עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן - קֶענֶען זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן.

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט. עֶס אִיז גֶעווֶען אַ בַּעַל מְנַגֵן ווָאס פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן ווִיבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת אִיז דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר אִיז בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן, יֶעדֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. ווֶען דֶער בַּעַל מְנַגֵן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סוֹד אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעווֶען בְּלִינְד, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי צְווֵיי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: "זָאגְט מִיר ווֶער אִיז גֶעווֶען גְרֶעסֶער, דֶער ווָאס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר ווָאס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?" דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעווֶען מוֹרָא'דִיג צוּקָאכְט פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס", הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אִין הִימְל קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין ווֶער עֶס אִיז גֶעווֶען גְרֶעסֶער, בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס".

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת אַז מִיר זָאלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זוּכְן כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן; אַלֶעס ווָאס מִיר טוּעֶן זָאל זַיין נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מְ'קוּקְט אִים אַרָאפּ, עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז עֶר ווֶערְט פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נָאר גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה.

ווֶען עֶס קוּמְט צוּ דִי הַקָּפוֹת, ווֶען אִידְן טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תוֹרָה, טָאר זִיךְ אַ אִיד נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן, נִישְׁט זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן קוּקְן ווִי יֶענֶער טַאנְצְט, נָאר אַרַיינְגֵיין אִינֶעווֵייניִג צוּ טַאנְצְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא אַז מְ'ווֶעט אִים אָנְקוּקְן אַז עֶר אִיז נַארִישׁ אַז עֶר טַאנְצְט אַזוֹי שְׁטַארְק, טָאר עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

### פְרֵיילִיךְ, מִיט ווָאס?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אֲפִילוּ ווֶען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁווֶערִיקֵייטְן אִין זַיין לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ מַאכְן מִיט שְׁטוּתִים, אַבִּי עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד', אוֹת ה') אַז ווֶען אַ אִיד זָאל ווֶען אֱמֶת'דִיג ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז אִין הִימְל, ווִי גְרוֹיס עֶס אִיז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, ווִי טֵייעֶר עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּלוֹיז דֶערְפַאר ווָאס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד; ווָאלְט עֶר פוּן דֶעם אַלֵיין שׁוֹין גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַז עֶר ווָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג.

נָאר לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין גָלוּת, מִיר זֶענֶען ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אוּן עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען טְרֶעפְן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת אוּן ווֶעגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן. אָבֶער ווִי נָאר אַ אִיד ווֶערְט פְרֵיילִיךְ, ווֶערְט עֶר שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן ווֶערְט עֶר שׁוֹין פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין רֶבִּי'ן בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַ ווַייטֶע קָרוֹב, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְווָאס רֶבִּי נָתָן טַאנְצְט אַזוֹיפִיל אוּן פְרֵיידְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי דִי חֲתוּנָה, עֶר אִיז גֶעווֶען בְּלוֹיז אַ ווַייטֶער קָרוֹב, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעווֶען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל נָאנְט מִיט דִי מְחוּתָּנִים. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר טַאנְצְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה, עֶר טַאנְצְט בְּלוֹיז ווַייל עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ אָבֶער ווֶעט עֶר זִיךְ נֶעמֶען טַאנְצְן סְתַּם אַזוֹי אִין אַ גְרִינֶעם דִינְסְטָאג, ווֶעט דָאס אוֹיסְזֶען זֵייעֶר מָאדְנֶע, אָבֶער אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אִים אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אַז עֶר אִיז בַּיי אַ חֲתוּנָה, הָאט עֶר דָאךְ שׁוֹין אַלֶע רֶעכְטְן צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דָארְט, אוּן דֶערִיבֶּער נוּצְט עֶר דָאס טַאקֶע אוֹיס צוּ דִי מַאקְסִימוּם...

יֶעצְט, ווֶען מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע הַקָּפוֹת, גֶעבְּט מֶען אוּנְז דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר דָאס אוֹיסְנוּצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ.

רֶבִּי נָתָן שְׁמוּעֶסְט אוֹיס בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט נָאר אַ טְרָאפּ שֵׂכֶל, אֲפִילוּ אַ גוֹי, אוֹיבּ ווֶעט עֶר גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן ווֶער עֶר זֶען אַז סְ'אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא מִיט ווָאס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט. דִי ווֶעלְט אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אוֹיסְנַאם מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁווֶערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז סְ'אִיז אֱמֶת'דִיג נִישְׁטָא מִיט ווָאס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אֲפִילוּ ווֶען מֶען הָאט שׁוֹין יָא אַ גוּטְן טָאג, ווֶען עֶס גֵייט שׁוֹין יָא עֶפֶּעס גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז עֶס גֶעווֶענְלִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט פִילֶע שְׁווֶערִיקֵייטְן אוּן צָרוֹת.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ ווָאס קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אִיז נָאר אֱמוּנָה. ווֶען אַ אִיד גְלֵייבְּט אוּן ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן ווָאס זֶעעֶן אוֹיס אַז סְ'אִיז נִישְׁט גוּט, אִיז בֶּאֱמֶת נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר ווֵייסְט אַז עֶר בְּלַייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי ווֶעלְט פַאר

<<<<<<

אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶועט עֶר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן דַאן וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן זַיין רִיכְטִיגֶע לֶעבְּן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן מְנוּחָה, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה, אוּן אוֹיף יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען אֶמֶת'דִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז ס'אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט וָואס דָארְט בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיף דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר בְּרָאט זִיךְ אוּן עֶר פְּרֶעגְלְט זִיךְ אִין צָרוֹת אוּן אִין יִסוּרִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

דֶערְפַאר זָאגְן מִיר בַּיי דִי הַקָפוֹת דֶעם קַאפִּיטְל כ"ט אִין תְּהִלִּים, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי רוּחַ שְׁטוּת, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו') "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה". וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ וֶוערְן אֶמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ אִיז נָאר דוּרְכְ'ן אַוֶועקְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה וָואס כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ'ס מֹחַ. וִוי לַאנְג דִי רוּחַ שְׁטוּת גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ. אוֹיךְ דֶער שֵׁם מ"ב, וָואס דָאס אִיז דֶער "אָנָּא בְּכֹחַ", הָאט אוֹיךְ דִי סְגוּלָה אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים וָואס ווִילְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן.

## פוּן צוּגֶעלֵייגְט צוּ אוֹיפְגֶעלֵייגְט

וֶועט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, "אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנָה? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעלֵיינְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט מִיט כְּפִירָה'דִיגֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מֶער נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן?" אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ אוּנְז אוֹיסְצוּהֵיילְן אוּן אוּנְז אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי בְּלָאטִיגֶע זוּמְפְּן אִין וָואס מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) אַז ס'אִיז גֶעוֶוען אַ בַּת מֶלֶךְ וָואס אַן אַכְזָרִיּוּת'דִיגֶער קֶענִיג אִיז אִיר נָאכְגֶעלָאפְן אוּן אִיר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, זִי אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ אַ פֶעסְטוּנְג פוּן וַואסֶער, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אִיר נָאכְגֶעשָׁאסְן מִיט צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶען עֶרְלֵיי סַם, אוּן אַזוֹי אִיז זִי אַרַיינְגֶעלָאפְן אִינֶעם פֶעסְטוּנְג אוּן דָארְט גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דִי בַּת מֶלֶךְ אִיז יֶעדֶער אִיד, וָואס אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַן אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶער רִשְׁעוּת'דִיגֶער קֶענִיג אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא רָשָׁע מְרוּשָׁע, עֶר ווִיל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד, עֶר ווִיל נָאר אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יֵצֶר הָרַע שִׁיסְט אַרַיין אִינֶעם אִיד דִי פַיילְן וָואס זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט סַם פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה, עֶר ווִיל אִים נָאר אַוֶועקְרַייסְן פוּן זַיין אֱמוּנָה, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי נָאר דִי אֱמוּנָה וֶוערְט שְׁוַואךְ בַּיי אַ אִיד אִיז עֶר שׁוֹין אַ פַארְטִיגֶער, עֶר פַארְלִירְט זַיין מוּט, עֶר פַארְלִירְט זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דֶער אִיד וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִינְצוּטוּן.

דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, עֶר קֶען אוּנְז אוֹיסְהֵיילְן. וֶוען מִיר זָאלְן אַוֶועקְוַוארְפְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּן נֶעמֶען דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְז דִי גִיפְטִיגֶע סַם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אוּנְז, מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען הֲנָאָה פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## אִיךְ לוֹיף צוּם רֶבִּי'ן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַז וֶוען מְ'טַאנְצְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, שְׁוֶוערְט מֶען אַז גְלַייךְ וֶוען מְ'וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ תִּיקוּן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אַז עֶר זָאל שְׁוֶוערְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אַז גְלַייךְ נָאךְ זַיין פְּטִירָה זָאל עֶר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מְתַקֵּן זַיין (עַיֵּין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמ"ה).

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אוֹיבּ דֶער כֹּחַ פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מְ'קֶען דַאן פּוֹעֶלְ'ן צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מְ'קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַז נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט בַּיים לֶעבְּן זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען דֶעם רִיכְטִיגְן תִּיקוּן, אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנא)

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: עֶס אִיז גְרוֹיס דִי שִׂמְחָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, צוּ דִי גֶעבּוּרְט פוּן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

### תקמא

בַּיים וַואכְנַאכְט, דִי נַאכְט פַארְ'ן בְּרִית, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ מִיט זֵיי אִיבֶּער זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן אִיבֶּער דִי זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע מַדְרֵיגוֹת. אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין הַארְץ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר רֶעדְט אִיבֶּער זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן, וַוייל אַנְדֶערֶע זָאגְן דָאךְ אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע סָארְט לְשׁוֹנוֹת, דָאס מוֹיל לָאזְט זִיךְ דָאךְ רֶעדְן; וָואס דוּ וֶועסְט זָאגְן, קֶען דֶער צְוֵוייטֶער אוֹיךְ זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן, אָבֶּער יֶעדֶער קֶען שְׁפִּירְן אִין הַארְץ אוּן פַארְשְׁטֵיין וואוּ עֶס אִיז לִיגְט דִי אֶמֶת'עֶ נְקוּדָה, וואוּ דֶער אֱמֶת שְׁטֵייט אַיין.

### תקמב

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דִי וֶועלְט פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן אוֹיף אִים, "עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מִיטְלְוֶועג", דָאס הֵייסְט אַז אוֹיבּ אִיז דֶער רֶבִּי אַן אֶמֶת'עֶר צַדִּיק, אִיז עֶר גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ נִפְלָא, וָואס אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער מֹחַ קֶען גָארְנִישְׁט מַשִּׂיג זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט וְכוּ'. אַזוֹי פְלֶעגְט דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט שְׁמוּעֶסְן אִיבֶּער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז דֶער אֱמֶת אִיז טַאקֶע אַזוֹי ווִי זֵיי זָאגְן, עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא קַיין מִיטְלְוֶועג, עֶס אִיז אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי עֶקְן, וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים (דְּבָרִים ל', י"ט), דֶער וָואס קְלוֹיבְּט אוֹיס דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן, הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם אֱמֶת.

### תקמג

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית פַארְ'ן קִינְד, דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען דֶער סַנְדָּק אוּן הָאט אוֹיךְ גֶעמַאכְט דִי חִיתּוּךְ, אוּן מִיט דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיעָה הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן, אוּן מֶען הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד "שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם".

[דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם קִינְד קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַשִּׂיג זַיין אוּן אִיבֶּערְזָאגְן, אַבִּיסְל אִיז מְרוּמָז אִיבֶּער דֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, (חֵלֶק א', סִימָן ט"ז) וואוּ דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן דִי צְוֵויי מְשִׁיחִין, מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד אוּן מָשִׁיחַ בֶּן יוֹסֵף, וָואס נָאךְ זֵיי הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דֶעם נָאמֶען, 'שְׁלֹמֹה' בֶּן דָוִד, אוּן 'אֶפְרַיִם' בֶּן יוֹסֵף. עֶס לִיגְט אִין דֶעם גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס קֶען נִישְׁט גֶעדְרוּקְט וֶוערְן].

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, אוּן עֶס אִיז גָאר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען דָארְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּיז שְׁלִישִׁי לְמִילָה, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, אוּן דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט, עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט גָאר שֵׁיינֶע אוּן טֵייעֶרֶע שְׁמוּעֶסְן אִין עֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ.

### תקמד

בַּיים שְׁלִישִׁי לְמִילָה הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶעלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאזְן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט, צוּ זַיין פְרוּם צְווִישְׁן זֵיי". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט דֶעמָאלְט אַז אִין דִי ווִינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע גְרָאז אוּן גֶעוואוּקְסְן, זֵייעֶר כֹּחַ וֶוערְט אוֹיס, אוּן זֵיי וֶוערְן ווִי אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער וֶועקְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק אוֹיף, זֵיי לֶעבְּן אוֹיף; אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס צְווִישְׁן זֵיי "לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה" (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ס"ג) "שִׂיחָה זוּ תְּפִלָּה" (בְּרָכוֹת כ"ו:), צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; צְווִישְׁן דִי גְרָאז. אַלֶע גֶעוואוּקְסְן אוּן גְרָאזְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד בֶּענְקֶען אוּן וֶוערְן נִכְלָל אִין דִי תְּפִלּוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס דֶער אִיד רֶעדְט דָארְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

[דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גְלַייךְ פַארְשְׁרִיבְּן, אוּן דֶעריבֶּער אִיז דָאס רוֹב פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן. דָאס בִּיסְל וָואס מֶען הָאט גֶעדֶענְקְט אוּן אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב', סִימָן י"א)].

### תקמה

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט אַסַאךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיבטע פון רבי'ן

עֶס אַלֵיין גֶעזָאגְט, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט דֶעם תְּהִלִים מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען אַ אִיד זָאגְט דִי וֶוערְטֶער וֶועקְט עֶר מִיט דֶעם אוֹיף דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס לִיגְט דָארְט בַּאהַאלְטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָׁלוֹם זָאגְט עֶס אַלֵיין.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל אוֹיסְצוּהֵיילְן אַ קְרַאנְקְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל הָאבְּן אַ פוּלְקָאמֶע בִּטָחוֹן אַז דוּרְךְ דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים הֶעלְפְן.

בִּטָחוֹן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן. אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ לַיינְט זִיךְ אָן אוֹיף אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָנְלַיינֶען אוֹיף בִּטָחוֹן, עֶר פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִים י"ח, י"ט) "וַיְהִי ה' לְמִשְׁעָן לִי", אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער חוֹלֶה אוֹיסְגֶעהֵיילְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כ"א, י"ט) "אִם יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל מִשְׁעַנְתּוֹ, וְנִקָּה".

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי בְּחִינָה וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה י"א, א') "וְיָצָא חֹטֶר מִגֶּזַע יִשָׁי", וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מָשִׁיחַ וָואס אִיז דָוִד, אַ בְּחִינָה פוּן (אֵיכָה ד', כ') "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'".

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים ס"ח.) אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן מְחַיֶה מֵתִים זַיין מִיט אַ שְׁטֶעקְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (זְכַרְיָה ח', ד') "וְאִישׁ מִשְׁעַנְתּוֹ בְּיָדוֹ", אַ בְּחִינָה פוּן (מְלָכִים-ב ד', ל"א) "וַיָּשֶׂם אֶת הַמִּשְׁעֶנֶת עַל פְּנֵי הַנַּעַר" וְגוֹ'.

[עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע אֲרִיכוּת אִין דֶעם, מֶען הָאט עֶס אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן גֶעהֶעריג בִּשְׁלֵימוּת, רוֹב פוּן דִי שְׁמוּעֶס פֶעלְט, נָאר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְמָאנְט אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט עֶר גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן].

**תקמו**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַהֵיימְגֶעפָארְן יֶעדֶער צוּ זִיךְ אַהֵיים, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# מְ'מִישְׁט אַרִיבֶּער צוּ אַ נֵייעֶם בְּלֶעטְל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו) אַז בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ פְּרָאבְּלֶעם, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי פַארְגֶעסְן זַאכְן אוּן זֵיי הָאבְּן צַעַר פוּן דֶעם. אָבֶער - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - בַּיי מִיר הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען נִישְׁט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר וָואלְט אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס זֶענֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן דָאס וָואלְט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אִין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר אַלֶעמָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, עֶר קֶען פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אֵייבִּיג אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַ אִיד קֶען הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי דֶעם מֶדְרָשׁ (וַיִקְרָא רַבָּה י"ט, ב') אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֵּייטֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶּעסֶער, דִי פֶּעסֶער זֶענֶען אָבֶער גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט אוּן וָואס מְ'הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דָארְט אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶערִינֶען, הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע אַרְבֵּייטֶער גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ גִיסְט זִיךְ סֵיי וִוי אוֹיס אַלֶעס וָואס מְ'לֵייגְט דָארְט אַרַיין, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַרְבֶּעט; ווידֶער דִי קְלוּגֶע אַרְבֵּייטֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט, "וָואס גֵייט אוּנְז דֶען אָן אַז סְ'גִיסְט זִיךְ אוֹיס? מִיר בַּאקוּמֶען דָאךְ בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מִיר אַרְבֶּעטְן, מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער שְׂכַר אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִינֶעם פַּאס. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, וֶועט עֶר אָבֶער בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שְׂכַר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, כְּדֵי מְ'זָאל אַלְץ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (קֹהֶלֶת רַבָּה א', ל"ד).

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מְ'הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער (דְבָרִים ל"ד, י"ב) "לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל", זָאגְט אוֹיף רַשִׁ"י אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, וָואס דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען (עַיֵין בְּרָכוֹת ח':), אוּן גְלַייךְ הוֹיבְּט מֶען נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּרֵאשִׁית. דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר דִי כֹּחַ אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הוֹיבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען פִירְט זִיךְ אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה אַז וֶוען מֶען הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה בַּיי הַגְבָּהָה הוֹיבְּט מֶען עֶס אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט, דֶער וָואס הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה זֶעט נָאר דִי לֵיידִיגֶע זַייט פוּן דִי פַּארְמֶעט. דָאס קוּמְט לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען, נָאר מְ'ווַייזְט אִים אַ לֵיידִיגֶע פַּארְמֶעט אַז עֶר הָאט נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, עֶר דַארְף יֶעצְט נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ וִוי אַ לֵיידִיג שְׁטִיקְל פַּארְמֶעט, עֶר הָאט מַמָשׁ גָארְנִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִין זִיךְ, קֶען עֶר אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן הוֹיבְּט יֶעצְט אָן זַיין לֶעבְּן מִיט גָאר אַ נֵייעֶם גֶעשְׁמַאקְן חֵשֶׁק.

מְ'דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיים סוֹף פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעבְּרָאכְטְן אַ רֹאשׁ הַשָׁנָה, מִיר הָאבְּן גֶעפַאסְט אוּן גֶעדַאוֶונְט אוּם יוֹם כִּיפּוּר, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין דִי סוּכָּה אוּן גֶעשָׁאקְלְט ד' מִינִים, יֶעדֶער אִיד אִיז זִיכֶער גֶעוָוארְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי טֶעג, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס וִויל זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זִיכֶער פָארְגֶענוּמֶען גוּטֶע זַאכְן בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג אַז עֶר וִויל שׁוֹין אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז סְ'גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אוּנְזֶער מֹחַ אַז מִיר קֶענֶען דָאס טַאקֶע בַּאוַוייזְן אוּן אוֹיסְפִירְן, מִיר שְׁפִּירְן אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵיעֶן דֶערְפוּן.

דֶערְפַאר טַאנְצְט מֶען אַרוּם אוּן אַרוּם דִי בִּימָה, דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אוּנְזֶער מֹחַ אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִינֶעווֵיינִיג, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַז מִיר זָאלְן דָאס יָא גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין אַז מִיר קֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין. מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן אוּן חֵשֶׁק קֶען יֶעדֶער אִיד אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, יֶעדֶער אִיד - נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף - קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר דַארְף נָאר עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דָאס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג.


## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

27 Skillman St.

## זמני תפלה

### הושענא רבה

לײנען משנה תורה..........10:00

שחרית..........8:30

### שמיני עצרת

שחרית..........10:00

מנחה..........6:30

געזעגענען פון די סוכה

### שמחת תורה

שחרית..........9:00

מנחה..........6:15

נעילת החג

**א פרייליכן יום טוב - הגבאים**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נתן לעוו** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## טעגליכע עצות און חיזוק

**הויבט אן דעם טאג מיט א צוויי דריי מינוט עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, דער טאג וועט האבן גאר אן אנדערן געשמאק**

**> קול ברסלב <**

**212-444-9191**

**1, 1, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבחור החתן שמעון ניישטיין הי"ו, להצלחה בכל ענינים; הבחור החשוב שמעון בר"י ראטה הי"ו, לרגל שמחת סיום הש"ס

< BreslevCenter.com >